בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

438

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן?............................... א
מֶעג מֶען אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ קִינְד?............................... ד
צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ?............................... ו
וִוי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען?............................... ט


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַלֶעס גֵייט מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה............................... א
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן............................... ב
דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט שְׁטַארְקְקֵייט וִוי אַייזְן............................... ג
זוּכְן אֵיין גוּטֶע זַאךְ אִין זִיךְ............................... ד
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר............................... ה
תּוֹרָה וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן............................... ו
נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם בִּיז נָאךְ שַׁחֲרִית............................... ז
זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיים דַאוֶונֶען............................... ז
טַלִית וּתְפִילִין אוּן צִיצִית, דִי גֶעוֶוער פוּן אַ אִיד............................... ח
רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה............................... ט
זַיין פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע............................... י
וַעַד הַחִינוּךְ פוּן דִי מוֹסְדוֹת............................... יא
דַארְפְסְט מְקַיֵים זַיין וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעזָאגְט............................... יא

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע ....................................... יב

אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִידוֹת ....................................... יג

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל ....................................... יד

בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט, זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ....................................... יד

וִוי אַזוֹי אַ שׁוֹחֵט דַארְף זִיךְ פִירְן ....................................... טו

קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים? ....................................... טז

קֵיינְמָאל נִישְׁט נִיצְן הֶענְט אוֹיף צוּ שְׁלָאגְן ....................................... טז

חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוֹיךְ אוּם זוּמֶער ....................................... יז

אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד ....................................... יח

הָאבְּן חוֹבוֹת אִיז אַ קְלָלָה ....................................... יט

זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג ....................................... כ

מִיטְן טוּן גוּטְס, פַאלְט מִמֵילָא אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס ....................................... כ

גֶעבּ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער פְּרִיוַואט זֵייעֶר קָאמְפְּלִימֶענְט ....................................... כא

וָואס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת? ....................................... כג

בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן אוּן הָאפְן צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ ....................................... כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר, אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס הֶעלְפְן מִיךְ אַזוֹיפִיל אוּן פִירְן מִיךְ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אַסַאךְ מָאל, אָבֶער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר נִישְׁט גְרִינְג, מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, אוּן פְּרוּבִיר זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אָבֶער דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גְרִינְג אַלֶעמָאל, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, וִויפִיל מָאל קֶען מֶען אָבֶער פְּרוּבִירְן זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּ שְׁטַארְקְן?

אַמָאל הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעטְרַאכְט אַז אֵיין טָאג וֶועט מִיר נָאךְ גוּט וֶוערְן, אָבֶער לֶעצְטְנְס זֶע אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דִי לִיכְטִיגְקֵייט בַּיים עֶק פוּנֶעם טוּנֶעל, אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר נָאכְאַמָאל, וַוארְפְט מֶען מִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית? נָאכְאַמָאל צוּ פַאלְן אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן? וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען פוּן דָא וַוייטֶער?

אִיךְ רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אִיךְ שְׁרַייבּ בְּלוֹיז אַרָאפּ דִי וֵוייטָאג פוּן מַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ וִויל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מִיר מְחַזֵק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וָואס ווָאלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס אוּן דוּ פַּאלְסְט אַרָאפּ? אַוַדַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ הֵייבְּסְט זִיךְ אוֹיף אוּן שְׁפֶּעטֶער פַאלְסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ? אַוַדַאי וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אַוַדַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס טוּסְטוּ אַז נָאכְן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן בִּיסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן? וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: ״עַד כַּאן, דָאס אִיז עֶס, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיטְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין לִיגְן אִין דִי בְּלָאטֶע, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן״? קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט אַזוֹי גֶעזָאגְט, קֵיינֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים.

יֶעצְט לִיבֶּער בְּרוּדֶער וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ אִיבֶּער פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אַז מֶען אִיז לֵיידֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אָדֶער אַ בַּאוַוייז אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט זַיין גוּט, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; וָואס הָאט צוּ טוּן ווִיפִיל מָאל מֶען אִיז גֶעפַאלְן אוּן ווִיפִיל מָאל מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן ווִיפִיל מָאל מֶען הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן? וֶוער דַארְף דָאס בִּכְלַל צֵיילְן? וֶוער דַארְף דָאס בִּכְלַל ווִיסְן? אַז מֶען פַאלְט - הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן אַז מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל - הֵייבְּט מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן אַזוֹי אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן; מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט - אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט - אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דָאס ווַייסְטוּ אַוַדַאי ווִי אַזוֹי מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף דוּרְךְ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט. לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זִיכֶער יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל

זַיין גוּט אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַּאלְט אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן – וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ טַעֲנָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט דָא זַיין? אִיךְ ווִיל דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַּאלְן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אָבֶּער נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל, וָואס טוּ אִיךְ? וָואס אִיז מַיין עֵצָה? צוּ וֶועם זָאל אִיךְ מִיךְ וֶוענְדְן?" דַאן וֶוערְט אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִין הִימְל, אַלֶע מְקַטְרְגִים אַנְטְלוֹיפְן, אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (בָּלָק, קצה.), אַלֶע מַלְאָכִים קוּמֶען אוּן פְרֶעגְן: "וָואס זֶענֶען זַיינֶע טַעֲנוֹת? מִיר ווִילְן אִים דַן זַיין", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לֹא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִיְדוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶנְק זָאלְן זִיךְ אַרֵיינְמִישְׁן, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ ווִיל אִים דַן זַיין, אִיךְ ווִיל עֶר זָאל נָאר צוּ מִיר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לָוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלֹא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס – דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַארְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ שְׁנֶעלֶער ווִי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ תַּלְמִידָה דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אוֹיפְוואַקְסְן, וָואלְט אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבּוֹירְן", אִיךְ הָאבּ אִין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעקְלֶערְט אַז אַ מַאמֶע קֶען דָאס זָאגְן פַאר אַ קִינְד.

זִי זָאגְט זִי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן. זִי הֶערְט אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אוּן אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אִיר כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר: "בִּיסְט טַאקֶע זֵייעֶר וואוֹיל לֶעצְטְנְס, אָבֶּער אִיךְ בִּין וַוייט נִישְׁט צוּפְרִידְן"; זִי דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז אַרַיין אִין צִימֶער אוּן גֶעוֵויינְט.

זִי זָאגְט אַז אֵיין זַאךְ הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אַז זִי קֶען עֶס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אִיךְ מֵיין צוּ זַיין גוּט, אוּן עֶבְּט בִּין אִיךְ וואוֹיל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן דִי סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת, ווִי עֶלְטֶערְן קְלַאפְּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט פַארְהֵיילְן, דִי וֶוערְטֶער שֶׁעדִיגְן דִי קִינְדֶער אוּן עֶס בַּאגְלֵייט זֵיי אוּן עֶס מַאכְט זֵיי שְׁלֶעכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זַייט מְחַזֵק דִי תַּלְמִידָה זִי זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן, זִי זָאל טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זִי דַארְף טוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאל זִי טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ טוּ עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע׳; דָאס וֶועט אִיר הֶעלְפְן קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, זִי וֶועט נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן נָאכְגֵיין אִירֶע גֶעפִילְן וְכוּ׳.

דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי זָאגְט, אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְהַאלְט אִיר

דָאס דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַיךְ, און פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער, מֶען זָאלְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, און פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַ אִיד, און אַז קֵיינֶער וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִיר, דִי וֶועלְט הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן, דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דִיךְ פַּארְטְרִיבְּן, דִי חֲבֵרִים הָאבְּן דִיךְ בַּאגְרָאבְּן, און דַיינֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶער ווִילְן מִיט דִיר נִישְׁט הָאבְּן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, און נֶעבְּן דִיר; רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, און דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ; און דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּ אוּנְז גֶערֶעדְט אַלֶע יָארְן און גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי זִיכֶער מִיט זִיךְ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, און אֲפִילוּ מַלְאָכִים וֶועלְן מִיר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, און דִי צַדִיקִים וֶועלְן מִיךְ פַּארְטְרַייבְּן - זָאל מֶען ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ, און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא), ווִי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, און אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד.

אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד און הֵייבְּט אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִּירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער און פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן און דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּארְן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פוּן דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, און דָארְט וואוּ דוּ

וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט", זָאגְט דִי נְשָׁמָה: דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "אֲפִילוּ בְּגֵיהִנּוֹם לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנּוֹם וֶועסְטוּ זִיךְ מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֶךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יְסוּרִים, גֵיי גֵיי גֵיי; דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: 'אִיךְ זָאל זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן', אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל וִויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א; זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאפְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיךְ דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה - הָאט מַיין לֶעבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלָאכְטְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ דָארְט גַאנְץ שְׁטַארְק הֲנָאָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַזוֹי ווִי אִין יֶעדֶע פְלַאץ הָאט זִיךְ עֶס אִירֶע מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען, אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגֶ'עט, מַיין טַאטֶע הָאט בָּרוּךְ ה' נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר פִירְט אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, מַיין מַאמֶע אִיז אָבֶּער זֵייעֶר גֶעפַאלְן נָאכְן גֶט, עֶס אִיז אִיר

גֶעוָוארְן שְׁוֶוער צוּ הִיטְן שַׁבָּת פַּאר עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת, אוּן זִי הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט הִיטְן שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן יֶעצְט הַאלְט זִי בִּכְלַל זֵייעֶר וֵוינִיג אִידִישְׁקֵייט גֶעבֶּעךְ.

אוֹיבּ מַיין מַאמֶע וֶועט מִיר הֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען, וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה, וַוייל זִי הָאט אַחְרַיוּת אוֹיף מִיר. אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן - בִּיסְטוּ וַוייטֶער שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ לֶערְנְסְט, דוּ דַאוֶוענְסְט אוּן דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ.

בַּיי דַיין פַאל, אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן בַּיי דַיין מַאמֶע אִין שְׁטוּבּ וֶוען דִי מַצָּב אִיז אַזוֹי? וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין אִין אַ שְׁטוּבּ מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט אָן קַיין פִילְטֶער? מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה. זֶע צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, חֲבֵרִים וָואס מַאכְן נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע זַאכְן, פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ג, לד): ״אִם לַלֵּצִים״, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ מִיט לֵצִים - ״הוּא יָלִיץ״, וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ לֵץ, ״וְלַעֲנָוִים״, אוּן אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, חֲבֵרִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן - ״יִתֶּן חֵן״, וֶועט מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן גֶעפִינֶען חֵן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס אוֹיגְן.

נָאר אֵיין זַאךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר גָאר בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דְרַאפֶּען אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן גְלֵייבְּן אַז בַּיים סוֹף וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן.

דוּ וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט מוֹהֲרַנַ"תּ, אֵיידֶער עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל מִמֶּעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא מֵהַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מָרְדְּכַי מִקְרֶעמְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מְחְמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען, אוּן זִיךְ מִיט אִים מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט עֶפֶּעס אַ חִסָּרוֹן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, בִּיז אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער, אוּן וִוי עֶר הֵייבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוּן עֶר פַּאלְט אַרָאפּ, עֶר קְרִיכְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיף אוּן עֶר פַּאלְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס מָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף הֶעכֶער אִיז עֶר גֶעפַאלְן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַלֶע טְרֶעפּ בִּיז אוֹיבְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, פְּלוּצְלוּנְג זֶעט עֶר אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אִים דִי וֶוערְטֶער: "דְרַאפֶּע דִיר אוּן הַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק דִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת", אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי עֶר זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע דִיר אוּן הַאלְט זִיךְ" - אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

עֶס וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר אַלֶעמָאל, דִי חִיזוּק אוּן דְרָשׁוֹת גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר שְׁטַארְק צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ, וַוייל אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נָאר רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען אִיךְ זֶע אַ מֶענְטְשׁ, סַיי ווער עֶס זָאל נָאר זַיין, הוֹיבְּט מַיין קָאפּ אָן צוּ פָארְן גְלַייךְ אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע רִיכְטוּנְג, גְלַייךְ צוּ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ וִויל זַיין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן דַיין עַצְבוּת, וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת קוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן, וַוייל דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה גֶעבְּט כֹּחַ פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ, טְרַאכְט פוּן פַּאזֶעטִיוֶוע זַאכְן, טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן ווִי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר; דוּ הָאסְט גֶעזוּנְטֶע פִיס צוּ גֵיין, דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן; דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּן כב, דַף סז.): "וְאַתְוָון בְּשִׂמְחָ"ה אִיהִי מַחְשָׁבָ"ה", 'מַחֲשָׁבָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'בְּשִׂמְחָה'; דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, פַּאזֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת.

וַוארְף אַוֶועק דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, וַוארְף אַוֶועק דִי עַצְבוּת, זוּךְ אִין דִיר אַ גוּטֶע זַאךְ, זוּךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י׳), פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ און זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, און פַארְוָואס הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, און וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, דִי קָאפּ לוֹיפְט נֶעגֶעטִיוו, ״רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת״, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, זֶענֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת מְסוּדָר און מְיֻשָּׁב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַלֶעס גֵייט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כה, כ-כא): ״וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל״ וְגוֹ׳, ״וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי״ וְגוֹ׳, בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן זַיין הֵיילִיגְן בְּרוּדֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא, אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט גֶעלְט - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת; דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער חֲלִישׁוּת הַדַּעַת - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוֹיב דוּ הָאסְט אֵיינֶעם גוֹרֵם גֶעוֶוען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִיךְ פַארְשֶׁעמְט זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אוֹיב דוּ הָאסְט לֶעצְטְנְס עֶפֶּעס גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם אוּן יֶענֶעם פַארְשֶׁעמְט; וַוייל אַלֶעס גֵייט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע - פִירְט מֶען זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם; וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה, מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה, וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם אַ׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כְּ״גַ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶערֶע טֶעג, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ בְּרֶעכְסְט אוּנְטֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה. קוּק דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת יד): ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא): ״צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָה? שֶׁהַיִסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״ - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ״ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן): ״יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין יוֹתֵר מִן הַטוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ

עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אוֹיךְ אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער אוֹיף דִיר; וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים אוּן מֶען בַּאקוּמְט גַּדְלוּת הַמּוֹחִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט שְׁטַארְקְקֵייט וִוי אַייזְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**צוּ מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דִיךְ וִוי שֵׁיין דוּ דֶערְהַאלְטְסְט זִיךְ, אוּן מִיט אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - בִּיסְטוּ שְׁטַארְק וִוי אַייזְן; דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דוּ דַאוֶונְעסְט, אוּן בְּעִיקָר דַיינֶע מִידוֹת, דוּ פִּירְסְט זִיךְ שֵׁיין צוּ יֶעדְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁוֶועריִקְייטְן, מֶען וִויל זֶען אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט; דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען "אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת", אוּן זָאגְן דִי "יוֹם תְּהִלִּים", זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי צְוֵויי לִימוּדִים, אוּן אוֹיךְ דִי טֶעג וָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל שַׁבָּת, עֶרֶב שַׁבָּת, וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיטְן יוֹם תְּהִלִּים, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר עֶס זַיין שְׁוֶוער, וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ זָאגְן, וֶועסְט מֵיינֶען אַז דוּ רֶעדְסְט שׁוֹין אַ שָׁעָה, עֶס וֶועט זַיין אוּמֶעטִיג; נֶעם אַ זֵייגֶער, טוּ עֶס יֶעדְן טָאג מִיט אַ זֵייגֶער, פַּאר דְרֵיי מִינוּט; שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין מַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן**".

לִיבֶּער ...., אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן מִיט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## זוּכְן אֵיין גוּטֶע זַאךְ אִין זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן טוּנְקֶלְקֵייט - אִיז דוּרְךְ זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, דִי טוּנְקֶלְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט - דָאס קוּמְט פוּן דִי סַמֶ״ךְ מֶ״ם וְכַת דִילֵי׳, זֵיי ווִילְן שְׁלֶעכְט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶערְפַּאר מַאכְן זֵיי שְׁפִּירְן טוּנְקֶל, שְׁוַוארְץ; זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, זֵיי בְּרֶענְגֶען נֶעגַאטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת, בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי טוּנְקֶל פַּארְן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִישְׁט וֶועלְן לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אוּן קֶעגְן זֵיי זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים לוֹחֵם, בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הַאלְט מִלְחָמָה מִיטְן סַמֶ״ךְ מֶ״ם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוּטִיגְט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט אוּנְז, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע

זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מִיר זָאלְן זוּכְן אֵיין גוּטֶע זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן אַמָאל גֶעטוּן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט דֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁטַארְקֶע חוֹשֶׁךְ, עֶס אִיז אַזוֹי טוּנְקֶל אַז מֶען קֶען מַמָשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען, מֶען זֶעט זִיךְ ווִי דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן - זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט׳, מֶען זָאל זִיךְ זָאגְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "ווִי גֶעפֶערְלִיךְ אִיךְ בִּין, אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט", אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכּ׳חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט"; אוּן דָאס זָאלְט אִיר טוּן, זָאגְט זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת - אִיז אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶעם אַ רְפוּאָה - 'תְּשׁוּבָה׳, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי".

שְׁטַארְקְט זִיךְ, אִיךְ הָאף צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ, צוּ זַיין אַייעֶר שַׁדְכָן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר וָואס פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאר אֵיין טוֹבָה, רֶעדְט נִישְׁט מִיט חַבֶרְ׳טֶעס פוּן שִׁידוּכִים, רֶעדְט נִישְׁט מִיט חַבֶרְ׳טֶעס פוּן זַאכְן וָואס אִיז פַאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן פַאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה - אִיז גֶעזוּנְט צוּ הֶערְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת תְּחְיֶ׳, אוּן אַז מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ - פוּן חַבֶרְ׳טֶעס - קֶען דָאס אַמָאל שָׁאטְן; אִיךְ בֶּעט אַייךְ פָאלְגְט, וֶועט אִיר פַארְדִינֶען.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם וָואס רֶעדְט דִיר אַיין אַז דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין תִּקְוָה, אוּן אַז מֶען דַארְף דִיךְ

נִישְׁט, אוּן אַז דוּ בִּיסְט וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז שֶׁקֶר, וַוייל קֶען זַיין אַז דֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, יֶענֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, דֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט לַיידְן, יֶענֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט לַיידְן; דָאס קֶען זַיין, אָבֶּער זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט לַיידְן - דָאס אִיז לִיגְנְט.

בְּרוּדֶער, נָאר פַאר דֶעם, נָאר פַאר דִי שֵׂכֶל - הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלוֹינְט צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר צוּ וִויסְן דֶער זַאךְ - אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט - הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט צוּ וִויסְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

...

## תּוֹרָה וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק מִיךְ צוּ אַמָאל וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט מִיר שְׁרַייבְּן וָואס אוּן וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט, אִיךְ בֶּענְק מִיךְ צוּ דִי צַייטְן.

מַיין לִיבֶּער ...., אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען בַּיי דִיר גוּטְס, בַּאנֵיי זִיךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן.

זָאג יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית - מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין - דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דָאס אִיז מְסוּגָל לַפַּרְנָסָה.

...

## נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם בִּיז נָאךְ שַׁחֲרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**צוּ מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר, אוֹיךְ מַאמִי תִּחְיֶ' הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר; דוּ גֶעבְּסְט אוּנְז צוּ אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט מִיט דַיין גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג אוּן מִיט דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִינְדֶערְפְרִי פוּן וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף - בִּיז נָאךְ שַׁחֲרִית - זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם; אִינְדֶערְפְרִי אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם טָאג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ גוּט גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ גוּט מְיַשֵּׁב זַיין מַה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עוֹלָם הַזֶּה, וָואס הָאט מֶען פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם הַזֶּה, 'נָפְקַת בְּצַפְרָא', אִינְדֶערְפְרִי אִיז דִי אֱמוּנָה נֵיי; זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בִּיז נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית.

זֵיי גֶעזוּנְט, בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר מִיר אוּן פַאר מַאמִי.

פוּן דַיין טַאטֶע, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיים דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**צוּ מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר, אִיךְ זֶע וִוי שֵׁיין דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז, דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, דַאוֶוען מִיט אַ סִידוּר, לָאז נִישְׁט אוֹיס בַּיים דַאוֶוענֶען, דַאוֶוען פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אוּן וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי

בְּרָכָה פוּן 'שְׁמַע קוֹלֵנוּ' - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְטַאנְצְיֶע, זָאלְסְט דָארְט בֶּעטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ - פַּאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַּאר דִיר, דוּ זָאלְסְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, הָאבְּן אֱמוּנָה, און אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס מֶען קֶען אִים פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און עֶר אִיז מַדְרִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גוּטֶע עֵצוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ צַדִּיק און זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ פְרֶעגְן אַלֶעס, און אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן בּוּשָׁה - זָאלְסְטוּ הָאבְּן עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה צוּ פְרֶעגְן, און אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אוֹיךְ בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן 'אֱלֹקַי נְצֹר לְשׁוֹנִי מֵרָע', אֵיידֶער דוּ טְרֶעטְסְט אוֹיס - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, בֶּעט פַּאר קִרְבַת אֱלֹקִים, בֶּעט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ טַעַם, אַ גֶעפִיל - צוּ לֶערְנֶען און דַאוְונֶען און טוּן מִצְוֹת.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ ווִיל דִיר שׁוֹין מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, הַאלְט דִיךְ שְׁטַארְק, גֵיי נָאךְ דִי וֶועג פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט גָאר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, וֶוען מֶען אִיז יוּנְג וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אַלֶעס, מֶען קֶען זִיךְ טוֹעֶה זַיין, מֶען קֶען מֵיינֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט, אִיךְ זָאג דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גָאר חָשׁוּב, מַאךְ זֵיי פְרֵיילִיךְ, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

שְׁרַייבּ מִיר בְּרִיוְון, וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

...

**טַלִּית וּתְפִילִין און צִיצִית, דִי גֶעוֶוער פוּן אַ אִיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ באַ"י), י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין יֶעדְן טָאג און מִיט דַאוְונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַמָאל גֶערֶעדְט און אִיךְ הָאבּ

דִיר גֶעשְׁרִיבְּן חִיזוּק אוֹיף גֵיין מִיט צִיצִית, אַז דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אִים צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת אֵשׁ קוֹדֶשׁ חֵלֶק ב, אוֹת תקא, אַז מִיט יָאר'ן צוּרִיק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען פְרֶעגְט בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין דִי סֶעקְיוּרִיטִי אִיז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעוֶוער, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אָנְכַאפְּן זַיין צִיצִית אוּן וַוייזְן אַז דָאס אִיז עֶס, אוֹיךְ הָאט אַמָאל מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט - וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעוֶוער - "טַלִית אוּן תְּפִילִין"; וַוייל דָאס אִיז דִי אֱמֶת'ע גֶעוֶוער פוּן אַ אִיד, דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן צִיצִית, דָאס הִיט דֶעם אִיד, דָאס הִיט אִים בָּזֶה וּבַבָּא.

זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית.

...

## רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יום ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב' (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

גֵיי אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַארְמֶעגְן, דָאס אִיז אוּנְזֶער שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז אוּנְזֶער קֶשֶׁר מִיט וָואס מִיר בִּינְדְן זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, מֶען זֶעט מַמָּשׁ וואוּנְדֶער; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס פוּן שׁוּל, אוּן דָארְט אִין פָּאלִישׁ רֶעדְן זֵיי - דִי הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## זַיין פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיגֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵיגָא בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר זָאלְט פָּאלְגְן דִי לֶערֶערִינְס אוּן נִישְׁט רֶעדְן אִין כִּתָּה וֶוען דִי לֶערֶערִינְס לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת; אִיךְ הֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידוֹת בַּיי עֶנְק וָואס פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ ווִיל הֶערְן אַז אִיר זֶענְט אוֹיךְ פוּן דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידְל אוּן וואוֹיל.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן זֵייעֶר זֵייעֶר אֵיידְל אוּן זֵייעֶר וואוֹיל, אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן אִין כִּתָּה, אוּן אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיס גֵיין אִינְמִיטְן שִׁיעוּר - זָאלְט אִיר אוֹיפְהֵייבְּן דִי הַאנְט פְרֶעגְן רְשׁוּת פוּן דִי לֶערֶערִין, אוּן אַז אַייעֶר לֶערֶערִין פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג יֶעצְט אַרוֹיס צוּ גֵיין - זָאלְט אִיר דָאס אָנְנֶעמֶען, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ מִתְחַצֵּף זַיין.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הֶעלְפְן זֵייעֶר צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק; זָאלְט אִיר אוֹיךְ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, זִיךְ חַבְרְ׳ן מִיט דִי אֵיידֶעלֶע קִינְדֶער, מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיר קֶענְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע אִין בְּנֵי בְּרַק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וַעַד הַחִינוּךְ פוּן דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בַּקָּשָׁה.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, זַייט אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת הָאט זִיךְ פַארְגְרֶעסֶערְט - הָאבְּן מִיר אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳וַעַד הַחִינוּךְ׳, וָואס צוּ זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ מֶעלְדְן אַז מֶען וִויל אַרַיינְלֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב.

עַל כֵּן, אַז עֶנְק ווִילְן אַרַיינְלֵייגְן עֶנְקֶער מִשְׁפָּחָה אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת דַארְפְן עֶנְק זִיךְ מֶעלְדְן צוּם אָפִיס, אַרַיינְשִׁיקְן אַן אַפְּלִיקֶעיִשְׁן, אוּן דִי אָפִיס וֶועט עֶנְק זָאגְן וַוייטֶער וָואס צוּ טוּן, צוּ וֶועם זִיךְ צוּ מֶעלְדְן.

שְׁטַארְקְטְס עֶנְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, יֶעדֶע זַאךְ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ב), דִי שְׁוֶוערְד פוּן אַ אִיד אִיז תְּפִלָּה, מִיט דֶעם קֶען עֶר בַּאזִיגְן אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַארְפְּסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעזָאגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

״מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ״ (דְּבָרִים כג, כד), אַז דוּ הָאסְט צוּגֶעזָאגְט אַ שִׁמְעוֹן - דַארְפְּסְטוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעזָאגְט.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, אוּן זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר הָאט לִיבּ סְקוּל, אִיר הָאט לִיבּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס; נָאךְ מֶער פְרֵייט זִיךְ זִיךְ אַז דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מַחֲלֹקֶת אִין סְקוּל, און אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, קֵיינֶער גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵייטְן.

... תְּחִיֶ׳, גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ מִיט דִי גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא גוּטֶע מַתָּנָה, דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, און אַזוֹי ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע; ווֶען מֶען גֵייט אוֹיף דִי ווֶעג, מֶען נֶעמְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צֵייט צוּ רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווֶערְט דִי לֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק, עֶס ווֶערְט זִיס, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען ווֶערְט פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אַ מַאמֶע; ווֶען מֶען אִיז יוּנְג ווִיל מֶען לוֹיפְן צוּ דִי פְרֶעוְדְס, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, שְׁפֶּעטֶער ווֶען מֶען ווֶערְט עֶלְטֶער דֶעמָאלְט הָאט מֶען חֲרָטָה, מֶען בַּאוֵויינְט דִי יוּנְגֶע יָארְן פַארְן נִישְׁט הֶעלְפְן דִי מַאמֶע.

...

## אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא״י), י״ג סִיוָן, תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שעט): ״אָט דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד״; יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל בַּר מִצְוָה הָאבְּן אִיז זֵייעֶר גוּט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דָאס זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען, אוּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען - בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען דֶעם סֵפֶר בַּעַל פֶּה; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

הֵייבּ אָן מִיט זָאגְן, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן ח): ״כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ״, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, ״וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו״, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, ״וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת״, עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת, ״וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן״, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, ״וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם״, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

אַ גוּט שַׁבָּת.

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט הָאט מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים גֶעמַאכְט אַ בְּרִית פַאר זַיין זוּן, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל ׳נַחְמָן נָתָן׳.

דִי בְּרִית אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָאָרְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען סַנְדָּק. דִי סְעוּדַת בְּרִית אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי חָשׁוּבְ׳עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ מִיט זֵיי מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען מִיט דִּבְרֵי תּוֹרָה אוּן שְׁאֵלוֹת בַּהֲלָכָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר, וּבְעִקָּר וּבִפְרַט אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק, אוּן עֶר וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס וֶועט דִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין, עֶס וֶועט דִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט, זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, סַיי בַּיי דִיר, דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, אוּן אוֹיךְ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן

דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי רְפוּאָה; מוֹהֲרַ"א"ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי'ס טָאכְטֶער דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע צֵיין וֵוייטָאג, און דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ", הָאט זִי גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר וֵויי", הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: "מַאךְ זִיךְ וִוי דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ טַאקֶע וֶוערְן פְרֵיילִיךְ און הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן און זִי אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ זִיךְ אַזוֹי וִוי אַלֶעס גֵייט גוּט און דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ און דוּ וֶועסְט זֶען אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

...

### וִוי אַזוֹי אַ שׁוֹחֵט דַארְף זִיךְ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**מַיין טֵייעֶרֶער זוּן שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ טָאג וָואס דוּ גֵייסְט שֶׁחְטְ'ן זָאלְסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי און זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל דוּרְךְ דִיר, און אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען מְגוּלְגָל אִין דִי עוֹפוֹת זָאלְן הָאבְּן אַ תִּיקוּן דוּרְךְ דִי שְׁחִיטָה; נֶעם נִישְׁט דֶעם מֶעסֶער אִין הַאנְט נָאר נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, און אַז עֶס אִיז דָא וִויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען, און בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאלְסְטוּ מִיט הַאלְטְן מִיט אַ סִידוּר, פוּן אִינֶעוֵוייניג, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין צֶעטְל קָטָן (אוֹת יא).

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שְׁטוּב.

...

## קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו
לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי אִים אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיב עֶנְק הֶערְן שׁוֹין אוֹיס שִׁידוּכִים פַאר אִים; אַ גוּטֶע מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה אִיז מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וֶועגְן דַיין זוּן... זֵיי ווִילְן אִים פַאר זֵייעֶר טָאכְטֶער, זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע טָאכְטֶער הָאבְּן זֵיי, אוֹיךְ דִי מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר וואוֹיל; בִּיטֶע מִיר לָאזְן ווִיסְן אוֹיב מֶען קֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ, וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ; הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

...

## קֵיינְמָאל נִישְׁט נִיצְן הֶענְט אוֹיף צוּ שְׁלָאגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו
לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַז מֶען הָאט דִיךְ גֶעשְׁלָאגְן - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִיק שְׁלָאגְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:), אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ אִיד אִיז אַזוֹי ווִי מֶען שְׁלָאגְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז קִינְדֶער טוּעֶן דִיךְ וֵויי - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ שְׁלָאגְן, אוֹיף דֶעם אִיז דָא נָאךְ אַ לַאו, פוּן לֹא תִקֹּם (וַיִּקְרָא יט, יח).

טַייעֶרער ..., דָאס וַוייסְטוּ אַז מֶען הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע׳רוֹדְפְ׳ט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים גֶע׳מַסֶר׳ט אַז עֶר דְרוּקְט סְפָרִים בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען פַארְבָּאטְן צוּ דְרוּקְן אָנֶעם צֶענְזוּר. מֶען הָאט גֶעלֵייגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע׳רוֹדְפְ׳ט, אַמָאל הָאבְּן דִי גְרוֹיסֶע שִׁישְׁקֶעס וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, דִי גְרוֹיסֶע פְּרָאפֶעסָארְן, דָאקְטָאר לָאנְדָאוּ, הִירְשׁ בֶּער וְכַת דִילֵי׳ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרְנַ״ת אַז זֵיי הָאבְּן אַ כֹּחַ צוּ רֶעדְן בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג צוּ פַארְטְרַייבְּן אַלֶע מִתְנַגְדִים קַיין סִיבִּיר, (דִי שִׁישְׁקֶעס פְלֶעגְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מוֹהֲרְנַ״ת), רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, ׳עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן דִי נִרְדָפִים וִוי אֵיידֶער זַיין פוּן דִי רוֹדְפִים׳״.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ נִיצְן הֶענְט אוֹיף צוּ שְׁלָאגְן, שְׁטוּפְּן, צִיפְּן אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן וְכוּ׳, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, ווייל אַלֶע מַחֲלֹקֶת קוּמְט פוּן קַטְנוּת הַדַעַת וָואס קוּמְט פוּן עַצְבוּת, פוּן נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אַלֶע חֲבֵרִים, מַאךְ גוּט פַאר אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער אִין חֵדֶר קַיין שׁוּם קְרִיגֶערֵייעֶן, אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

...

### חֲסִידִי׳שֶׁע קְלֵיידֶער אוֹיךְ אוּם זוּמֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, וָואס מֵיינְסְטוּ - מֶען הָאט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר? עֶס קֶען זַיין אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אָבֶּער אִין הִימְל הָאט מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, מֶען הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ, זָאלְסְט

נָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, בְּלַייבּ שְׁטַארְק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי דַאוֶונְען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן אוּן לֶערְן שִׁיעוּרִים בַּתּוֹרָה.

בְּלַייבּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיטְן הֶעלְפְן אִין דִי מוֹסָד, אוּן בְּלַייבּ אָנְגֶעטוּן מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ זוּמֶער וֶוען עֶס אִיז הֵייס - זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, גֵיי אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער; מֶען שְׁוִויצְט נִישְׁט וֵוייניגֶער וֶוען מֶען טוּט זִיךְ אָן ..., אוּן מֶען שְׁוִויצְט נִישְׁט מֶער וֶוען מֶען גֵייט מִיט ..., עֶס אִיז אַ דִמְיוֹן, אוּן אֲפִילוּ יָא - אִיז דָאס נִישְׁט רִיכְטִיג, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ.

זַיי פְרֵיילִיךְ, טוּט אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן עַצְבוּת בְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ..."

...

### אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט פִירְן דִי יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל. זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן אִיז גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רל) אַז מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ פֶערְד אוּן וָואגְן צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים אַרוֹיס פוּן יִשּׁוּב, גֵיין מִיט זֵיי אִין דִי פֶעלְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִין פֶעלְד, דוּ בִּיסְט מִיט דִי יְשִׁיבָה חוּץ לְיִשּׁוּב, דַארְפְסְטוּ זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים מִיט זֵיי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ זֵיי חִיזּוּק אוֹיף גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת - וֶועסְטוּ פּוֹעֵלְ'ן.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד, זָאלְסְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד פְּרִיוַואט, שַׁיין אַרַיין אִין זֵיי דֶעם אֱמֶת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי זָאלְן

וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְסְטוּ זֵיי שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מוֹהֲרָא״ש זָאגְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אַלְץ גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט נָאר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֵוייסְט מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

זֶע עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין יְשִׁיבָה, אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער.

...

## הָאבְּן חוֹבוֹת אִיז אַ קְלָלָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט, הָאבְּן חוֹבוֹת אִיז אַ קְלָלָה; מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן רִיכְטִיג, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַן אוֹיסְגֶערֶעכְנְקֵייט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם בָּארְגְן אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען דַארְף וִויכְטִיג קוֹיפְן נַייעֶ בְּגָדִים, נַייעֶ כֵּלִים אִין שְׁטוּב, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכב), עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ אַלֵיינְס זַיין שׁוּלְדִיג, וִוי אֵיידֶער זַיין שׁוּלְדִיג פַאר אַנְדֶערֶע, וַוייל זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת נֶעמְט אִיבֶּער דֶעם מֹחַ, מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַאלְט פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן.

אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מִיר מַאכְן דִי הֲכָנוֹת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען דַארְף גֶעלְט פַאר אַ פַּאסְפָּארְט, פַאר זִיךְ, פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף גֶעלְט פַאר טִיקֶעטְס פַאר זִיךְ, פַאר דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בָּארְגְן, עֶנְדֶערְשׁ פְּרֶעג בַּיי דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן חֲבֵרִים וֶוער עֶס ווִיל צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַאר דַיין נְסִיעָה אוּן מִיט שִׁיקְן אַ קְוִויטְל אוּן דוּ וֶועסְט זָאגְן לִזְכוּתוֹ דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי;

אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן ווילְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן בִּיז דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט גְרֵייט צוּ קוּמֶען אוּן זֵיי ווילְן בֵּיישְׁטֵייעֶרְן פַאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים וָואס פָאְרְן.

...

## זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ רוּפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַייעֶר לֶעבְן, זֵיי גֶעבְן אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן פוּן אַייךְ מִיט אַייעֶר מַאן; מֶען זוּכְט סְגוּלוֹת פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוּן מֶען זוּכְט אַלֶע סָארְט קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, אוּן פוּן דִי וויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן פַארְגֶעסְט מֶען, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע מִצְוָה, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא לב.): "הוּקַשׁ כְּבוֹדָם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

...

## מִיטְן טוּן גוּטְס, פַאלְט מִמֵּילָא אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד - מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, מִיט דִי צִיצִית, מִיט דִי תְּפִילִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְשְׁטָאט זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטְס - זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין טוּן גוּטְס, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מִיטְן טוּן גוּטְס פַּאלְט מִמֵּילָא אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז), טוּן גוּטְס מֵיינְט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן טוּן מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה מִיט מִיר? אִיךְ דַארְף קוּקְן אוֹיף מִיר, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ"; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער פְּרִיוַואט זֵייעֶר קָאמְפְּלִימֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער - אַז מֶען הָאט זֵיי לִיבּ, מֶען הַאלְט פוּן זֵיי; אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, מֶען ווִיל עֶפֶּעס אֵייגֶענֶע כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה - קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס, דִי קִינְדֶער כַאפְּן דָאס אוֹיף אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט וַואקְסְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז בִּכְלָלִיּוּת מִיט אַלֶעמֶען, מִיט חֲבֵרִים, מִיט שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה, ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן - אַזוֹי וֶוערְן זֵיי, דִי סוֹד הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז דוּרְךְ קוּקְן פַּאזֶעטִיוו, דוּרְךְ זוּכְן גוּטְס אִין אַ צְוֵוייטְן - קֶען מֶען יֶענֶעם אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב).

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נָאר זֶען גוּטְס אִין

אַנְדֶערֶע, און זִיכֶער אִין דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט זֵיי לִיבּ הָאבְּן, זֶען אִין זֵיי דָאס גוּטְס, און אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען וִויל - זֶענֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, און אַז זֵיי טוּעֶן נִישְׁט פִּינְקְט וָואס מֶען זָאגְט זֵיי - זֶענֶען זֵיי נָאכְאַלְץ גוּט און טֵייעֶר; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, זֵיי וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַסַאךְ גֶע'מוּסָר'ט אַז אִיךְ זָאל זֶען אַז אִין יְשִׁיבָה זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, וַוייל נָאר אַז דִי בָּחוּרִים, דִי תַּלְמִידִים - זֶעעֶן אַ פְרֵיילִיכֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ פְרֵיילִיכֶער מַגִיד שִׁיעוּר, אַ פְרֵיילִיכֶער מְלַמֵד - זֶענֶען זֵיי גְרֵייט צוּ מְקַבֵּל זַיין, דִי הֶערְצֶער עֶפֶענֶען זִיךְ און מֶען קֶען זֵיי גוּט לֶערְנֶען דִי שֵׁיינֶע וֶועג פוּן לֶעבְּן, און אַזוֹי אִיז אִין שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֶען עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק, פְרֵיילִיךְ און לוּפְטִיג אִין שְׁטוּבּ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

נָאכְאַמָאל, קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד, זוּךְ יֶעדֶעמְ'ס סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט, און גֶעבּ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער פְּרִיוַואט זֵייעֶר קָאמְפְּלִימֶענְט, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ תְּפִלָּה פַאר יֶעדְן קִינְד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד, אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז זֵיי זֶענֶען מְסוּדָר; וַוייל אָן תְּפִלָּה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אָן תְּפִלָּה אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה, און מִיט תְּפִלָּה - זֶעט מֶען נִיסִים, און אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה, בַּיים סוֹף זֶעט מֶען לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶער דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידוּת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְדְרֵייעֶן פוּן קֵיינֶעם וָואס בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידוּת אִיז; לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, נָאר דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, נָאר דָאס אִיז וָואר; מוֹהֲרָא״ש הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט אִין בְּרֶסְלֶב, אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְדְרֵייעֶן וְכוּ׳.

קוּק דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן (סִימָן עו), וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי עֶרְוַואַרְט פוּן אוּנְז, וִויפִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדֶע יָאר; זַיי דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, לֶערְן יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן, דִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶעס.

לֶערְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא בַּבְלִי, אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס וֶועט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק גִּלּוּי אֱלֹקוּת מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן אוּן הָאפְּן צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וֶועלְן זַיין גוּט, דָאס בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ זַיין גוּט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן ווִילְן אוּן בֶּענְקֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קו; וְעוֹד), אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט - דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, פוּן דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען קֶענֶען קוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ מִיעוּט פְּעוּלוֹת, דוּרְךְ טוּן אַבִּיסְל; זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט פְּשַׁט, טַאקֶע מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת, אָבֶּער מִיט הַרְבֵּה רְצוֹנוֹת, מִיט אַסַאךְ וֶועלְן; אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת אִין צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא.

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דָאס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי מֶען שְׁטוּפְּט דִיךְ אַוֶועק, מֶען עֶפְּנְט דִיר נִישְׁט דִי טִיר - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער בֶּענְקֶען, גְלוּסְטְן אוּן הָאפְּן צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# זכות הפצה

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **מרדכי ראזענבערגער** הי"ו

וזוגתו **מלכה** תחי'

וילדיהם

**הינדא רחל, שרה אסתר**

לרגל הולדת בתם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

## מהדורת יוסף וגענענדל

# הספר הקדוש הזה
# נתנדב לזכות

מוה"ר **יוסף בן שרה רבקה** הי"ו

וזוגתו **גענענדל בת חוה רחל** תחי'

וילדיהם

**מלכה, ריזל, ישראל אברהם**

שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון